Heb. E 267
Dig

# שלמון ועזובה

איין העכסט אינטערעסאנטער ראמאן.

פערפאסט פאן א. מ. דיק.

נאכדרוק פערבאטען

## ווילנא

שנת תרס"ג לפ"ק

---

ШАЛМОНЪ ВА-АЗУВА.

Разсказъ А. М. Дика.

Соб. изд. Л. Л. Маца.
Съ Виленскаго изданія 1884 г.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Завальной улицѣ, д. Вендорфа.
1902 г.

Дозволено цензурою 15 Февраля 1902 г. Вильна.

# 1.

# אַאַזְיֶע.

אין די ביידע וועלט טיילען וואס מען רופט אזיע, אפריקא
געפינען זיך גרויסע זעמדיגע שטעפען, אדער זעמדיגע וויסטעניען
דאס הייסט אזעלכע שטרעקען (שטחים) לאנד וואס זייען נור זעמדיג
אונ דער זאמד איז זובטיל (דין) וויא געביימעלטע מעל אונ זייער
טיף, אונ דער צו נאך אויך זייער גלאזיג, דאס ווען דיא זון
שיינט אויף אים זעהט אויס דער גאנצער שטח וויא איין שפיגעל
אדער וויא איין געגלאזירטער מער, דאס עס איז גאר אונמעגליך
צו קוקען אויף אים, אונ דארום ווערט ער אויך זייער הייס דאס
ער שמיילעט דיא פאדעשוועס פון דיא רייזענדע, אונ דאס מען
באקט אין אים אויס זייער לייכט אייער, דיזע גלאזיגע שטרעקען
זייען פון פערשיידענע גרויסקייט, אטייל זיינען נור פון צעהן מייל
אטייל פון צוואנציג מייל, אטייל פון הונדערט מייל, די גרעסטע
זאמד וויסטעניע אבער איז דיא זאהארא, זיא ליגט אין אפריקא
זיא איז לאנג פינף טויזענד וויארסט אונ ברייט צווייא טויזענד
וויארסט, עס וואוזען אין איר אלע שרעקען וואס אמענשליכער
געדאנקען קען זיך נור פארשטעלין, ערסטינס איז דארט איינע
שרעקליכע היץ, צווייטענס פעלט דארט וואסער דען זעלבסט די
גרעסטע שטרעמע (טייכען) וואס שטרעמען אריין אהין פון אנדערע
לענן, ער ווערין פערשלונגען פון דעם טרוקענעם זאמד, דאס אין
אפאר מייל ארום איז שוין קיין טראפען צוא שפירען פון זייא,
אונ מען קען זייער לייכט אום קומען דארט פון דורסט, דריטענס
וויהען דארט זייער אפט גרויסע שטורעמס אונ שלאגט אויף פון
דעם זאמד גרויסע וועלען (אינדען) וויא פון וואסער אויף דעם
מער, אונ דיזע זאמדיגע וועלען פערשיטען זייער אפט דיא

קאראוואנען *) (אבאזען) וואס רייזען דארט דורך, פערטענס ווייהעט דארט זייער אפט א פעסט ווינט וואס ווערט אנגערופען סאמום, דיא וואס איינאטעמען אים נור שטארבען אויף דער שטעלע, אונ זייער קערפער פאלט אויף שטיקער אין איין מינוט. פינפטענס זיינען דארט זייער אפט מצוי גרויסע רעגענס מיט דונע-רין אונ בליצען דאס עס איז אונמעגליך אויס צוא האלטען דערצו נאך דיא קאלטע נעכט, אונ דיא שרעקליכע קראנקהייטען וואס דארט הערשט, ביותר דיא בליצהייט, ווייל עס איז דארט זייער שטויביג אונ בלענדיג דורך דעם העלין ליכט גלאנץ וואס שפיגעלט זיך אפ פון דעם גלאזיגען זאמד, זעקסטענס איז דארט אויך אן צוא טרעפין זייער פיל ווילדע טירען אונ שלאנגען, דאס זיבעטע איז וואס דאס איז דאס שלימסטע, דאס עס זייען דארט דא זייער פיל רויבער פון דיא אום ציהענדע אראבער וואס ווערין אן גע-רופען נאמאנאדען.

אונ ביא אלעם דעם ציהען דורך דיזע שטעפען זייער פיל קאראוואנען אום צוא האנדלען מיט דיא שטעמע (שבטים) וואס וואונען אין די דארטיגע אאזיסען, אונ דאס זייען גרויסע שטרע-קען פון פרוכטבארע לענדער וואס געפינען זיך אין דיזע שטעפען וואס זייען בעוואקסען מיט גרינעם גראז, מיט פרוכט בוימער, האבען אין זיך קוואלען וואסער, גרויסע טייכען אונ שטראמען, אונ זייען בכלל געזעגנעטע לענדער וואס עס פעלט אין זייא גאר

נית

---

*) איין קאראוואנע ווערט אנגערופען איין גרויסער אבאז פון כמה הונדערט קעמלען אונ פערד וואס זייען בעלאדען מיט דיא טייערסטע סחורות אונ וואס עס פארען מיט זייא כמה אלפים מענ-שין, סוחרים, רייזענד מענער, פרויען, קינדער זייער שטארק בעוואפענט אונ פערזארגט מיט אלע לעבענס בעדערפענעס, מיט עסין, מיט טרינקען, מיט געצעלטין, מיט בעטצייג, מיט געדיכטע אונ טיפע פאראסאנעס אום צוא פערשטעלין זיך פון דער זון, אויך פארין מיט דאקטורים מיט קליינע אפטייקען אונ מיט ערקוויקונגען.

ניט, אונ זעהען אלזוי אוים אין דיא זאמדיגע וויסטעניא וויא איגזלען אויף דעם מעער, עס וואוגען דארט פערשיידענע שטעמע (שבטים) פון אראבער, פון מורינען, זיי זייען אונ פלאנצען דארט וויא אין דיא בעסטע לענדער, אונ טרייבען דארט איינע שטארקע פיהע צוכט (סקאטעוואדסטווע) אונ האבין אלזוי זייער פיל ארטי-קולען מיט וואס צוא טרייבען איין טוים האנדעל (איין מסחר וואס ווערט געטריבען דורך דעם בייט) מיט דיא דורך ציהענדע קאראוואנעס.

איין קאראוואנע ווערט אנגערופען אין לשון הקודש „אורחה" אורחת ישמעאלים, איז דער מיין איינע קאראוואנע פון ישמעאלים אונ איינע אאזע הייסט אין לשון הקודש „אשד" אשד הנחלים, אין דיא וויסטעניא פון אראביען זייען דא זייער פיל אאזיסען (אשדות) וואס מאנכע זייען ווייט איינע פון דער אנדערע נור איין האלבען טאג רייז, אונ שטייען אין אגרויסען פערקער איינער מיט דער אנדערע, ווער עס וויל דער פון מער וויסען זאל לעזין אונזער רייזע בעשרייבונג דורך דיא וויסטע זאהארא, דא אבער האבין מיר געשריבען דער פון נור וויפיל נייטיג איז צו אונזער ערציילונג.

## 2.

### דער רייכער הירט אביעזר:

שוין אין דיא צייטען פון דיא שופטים האבין שוין פיל יודען געוואונט אין פיל אנדערע לענדער, אזוי גאר אין דיא ווייטע שפאניען וויא מיר האבין שוין דערפון געשפראכען אין פיל אנדערע געשיכטען אונזערע, אונ פשיטה שוין אין דער נאהענטע אראביען לאנד, דאהער דער נאמען יתירא הישמעאלי דואג האדומי ווייל זייא וואהרען פון אנדערע לענדער, דער ערסטער פון אראביען, דר צווייטער פון אדום לאנד.

נון האט אין דיא צייטען פון דוד המלך געוואונט אגעוויסער הירט אדער קאלאניסט אין איינער פון דיא אראבישע אאזישען

וואס האט געהייסען אביעזר, דיזער מאן וואר העכסט נאטעס פירכטיג, אויפריכטיג אונ לייטזעליג, אונ אגרויסער פארשער אין נאטעס לעהרע, דער צוא וואר ער נאך אגרויסער גאסט פריינד (מכנים אורח) זיין הויז וואר אפען פאר יעדען וואנדערער, אונ וואר איין זאמעל פלאץ פאר אלע נויט בעדירפטיגע, אונ גיט איינער איז אוועק פון אים אונבעהאלפען, דען ער וואר זייער רייך אונ נאטעס זעגען וואר בייא אים צו הויז אונ צו פעלד, זיינע שייערין ווארען אימער פול מיט אלער האנד תבואות, זיין קעלטער פול מיט דעם בעסטין וויין, זיינע הערדען (שטאדעס) האבען בעדעקט אלע ארומיקע בערג אונ טאלען, אונ אזוי האט ער אויך געהאט זייער פיל קנעכט אונ מיידען, אונ וואר דאהער געאכטעט אונ געליבט פון אלע איינוואונער וואס האבין גילעבט מיט אים אין דיזען אאזים אונ זיין גוטער שם האט ערשאלען (געקלונגען) אין דר גאנצער וויסטעניי פון אראביען, וויא אמאל דער נאמען פון איוב אדער פון אנדערע היילינע פאטריארכען (אבות).

אונ דאך בייא דיזעם גרויסען זעגען (הצלחה) אונ ביי דיזער גרויסע פרעמיקייט, וואר אים ניט פערגענט (בעסערט) איינען זון צוא האבין, ער האט נור איינע איינציגע טאכטער געהאט, זיא האט געהייסען „עזובה" ווייל דיא מוטער איהרע איז געשטארבען בייא איר געבורט, נון הייסט עס איין פערלאסענעס קינד, דאהער האט איר דער פאטער אנאמען גינעבין „עזובה", דאס הייסט די פערלאזענע ווייל אין יענע דורות פלעגט מען געבין נעמען נור נאך דעם צו פאל וואס פלעגט גישעהן צום געבורט, למשל וויא דיא נעמען פון אלע אונזערע שבטים ראובן שמעון לוי, אונ אזו אויך משה, אי כבוד *), די עזובה אבער האט זיך זייער גליקליך ערצויגען

אין

---

*) מדרש רבה פ' נח (ל"ז) פלג כי בימיו נפלגה הארץ רשב"ג אומר הראשונים על ידי שהיו משתמשין ברוח הקודש היו מוציאין לשם המאורע, אבל אנו שאין אנו משתמשין ברוח הקודש אנו מוציאין לשם אבותינו, מכאן שקראו השמות גם על שם סופן. כמו הבי קרא שמו יעקב כו'.

אִין גָאטֶעס פוּרְכְט, זִיא וַואר זֵייעֶר שֵׁיין, קְלוּג אוּנ גוּט אוּנ וַואר דִיא אֵיינְצִיגֶע פְרֵיידֶע פוּן אִיר שׁוֹין נִיט מֶעהְר יוּנְגֶען פָאטֶער וָואס זִיא פְלֶעגְט אִים זַיין בֶּעהִילְפְלִיךְ אִין דֶער וִוירְטְשַׁאפְט אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אִין זַיינֶע שְׁפֶּענְדוּנְגֶען (צדקה זַאכֶען) אוּנ וַואר אַלְזוֹ עֶרְצוֹיגֶען אוּנ אוֹיךְ וִוירְקְלִיךְ גִיוָוען אַיין אשת חיל וִויא שלמה בֶּעשְׁרַייבְּט אִיר אִין זַיינֶעם ספר משלי, בַּייא טָאג פְלֶעגְט זִיא בֶּעזָעהְן דִי אַרְבֵּייטֶער אִין דִיא פֶּעלְדֶער, דִיא הֶערְדֶען אוֹיף דֶער וֵויידֶע (פִּיטֶערְנֶעס) בַּיי נַאכְט פְלֶעגְט זִיא זִיצֶען מִיט אִיהְרֶע מֵיידֶען אוּנ שְׁפִּינֶען וֶועבֶּען, נֵייעֶן אוּנ זִינְגֶען דֶער בַּייא הֵיילִיגֶע זִיגֶעם לִידֶער, אָדֶער פְלֶעגְט צוּ הֶערִין הֵיילִיגֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען פוּן אִיהְרֶע אַלְטֶע הוֹיז פְרוֹיעֶן, וָואס זֵיי פְלֶעגִין דָער צֵיילֶען פוּן דִיא אבות, פוּן דִי שׁוֹפטים, פוּן דִי נביאים פוּן חנה, פוּן אביגיל, דָאס גְלַייכֶע, דֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין פוּן קֵיין טֶעאַטֶער גֶעווּאוּסְט, אוֹיךְ פוּן קֵיין בֶּעלֶער פוּן קֵיין פְרַא־מֶענַאדֶען, אוּנ פְלֶעגִין אַלְזוֹי זֵייעֶרֶע טַאגֶע אוּנ דִיא לַאנְגֶע ווִינְטֶער אַבֶּענְדֶע אִין וָואס בֶּעסֶערְם צוּא גֶעבְּרַאכְט, אִין אַרְבֶּעט אִין וִוירְט־שַׁאפְט, אוּנ אִין הֵיילִיגֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען וָואס הָאבִּין דָאס הֶערְץ גֶענֶערְט אוּנ דִיא זֵייל עֶרְהוֹיבֶּען צוּ גָאט.

אַלְזוֹי קֵיין ווּאוּנְדֶער, דָאס אַלֶס דִיא עזובה וַואר שׁוֹין אַלְט זֶעכְצֶעהְן יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין דֶעם פָאטֶער גֶעוָואלְט צוּ פֶערְהֵייראַטִין אִיר אוּם אַיין אֵיינִיקֶעל צוּ דֶערְלֶעבִּין פוּן אִיר, אוּנ הָאט אַלְזוֹי אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ זוּכֶען אַ חתן פַאר אִיר, אוּנ אוֹיבּ וואוֹיל אִין יֶענֶע צַייטֶען וַואר פִיל לַייכְטֶער אַלֶס אִין הַיינְטִיגֶע צַייטֶען אוֹים צוּ גֶעבִּין אַטְאכְטֶער, דֶען מֶען פְלֶעגְט נָאךְ דֶעם פָאטֶער פוּן אַ מֵיידְכֶען גֶעבִּין אִין בַּייטֶעל דָאס עֶר זָאל אִיר אַוָועק גֶעבִּין פַאר אַוַוייבּ, אוּנ דָאס גְלַייכֶען וַואר פוּן דִיא עֶלְטֶערִין אִיהְרֶע נִיט גֶעזוּכְט אַמַאן פַאר זֵייעֶרֶע אַטָאכְטֶער וָואס זָאל זַיין אַיין עִלוּי אָדֶער אַדָאקְטֶער אוּנ דָאס גְלַייכֶען, בַּייא אַלֶעם דֶעם וַואר דֶעם אביעזר'ן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בֶּעקוּמֶען אַיין פַּארְטִי פַאר זַיין טָאכְטֶער, וַוייל עֶר הָאט גֶעבְּרוֹיכְט צוּ הָאבִּין אַזוֹ אַיין יוּנְגֶען מַאן וָואס זָאל ראוי זַיין אִיבֶּער צוּ גֶעבִּין אִים אַגַאנְצֶע וִוירְטְשַׁאפְט זַיינֶע דִיא גְרוֹיסֶע, אוּנ צוּ גְלַייךְ מַאכֶען

אים אויך פאר זיין יורש, דערצו מוז מען שוין האבין פיל מעהר פארזיכטיקייט אלס איין לייריגע טאכטער צו פערזארגען נור מיט אמאן וואס זאל איר קענען גענערין, דען ווער האט עס אין יענע יארען ניט גיקענט, דען מען וואר דאן נור לאנד לייטע (בויערין) אונ וועלכער לאנד מאן האט עס קיין ברויט, אונ מער וויא דאס האט אונזער אלטע וועלט ניט פערלאנגט, דא אבער האט עס געהאנדעלט פון איין האלבע מלוכה נוא מוז מען שוין דא האבען אמאן וואס זאל פערשטיין פיל מעהר אלס איין פרויא צו גענערין, אזוי אמאן וואס זאל פערשטיין דאס גרויסע פערמעגין צוא דער האלטין אונ אויך צו פערמעהרין, דערצו נאך דעם גרויסען נאמען פון דיזעם הויז אין זיין גלאנץ צוא דער האלטען, אונ אזו אויך בלייבען בייא גאטעס פורכט, אלזוי מוז שוין יענער זיין פון איין איידעלען הויז, מיט תורה, מיט חכמה, מיט יראת שמים, מיט איין גוטען הערצין, אונ אויך ניט פון איין ארימען געשלעכט, דען זאנסט וועט ער ניט וויסען וויא זיך צו בעגיין מיט אזו איין גרויסען פערמעגין, דאהער וואר עס שווער זעלבסט אין יענע צייטען צו בעקומען איין רעכטין מאן פאר זיין עזובה, אונ וואר דארום העכסט נאך דיינקענד.

## 3.

### שלמון דער אויבער הירט (אביר הרועים)

עס פאסירט זייער אפט דאס מענשין זוכען וואס נייטיגעס אין ווייטע לענדער וועהרענד (בשעת) מען האט עס בייא דער זייט אונזערע חכמים וואס האבין עס שוין פון לאנגע דאטען אנגעמערקט זאגין אין מדרש רבה אויף דעם פסוק „ויפקח ד' את עיניה“ מכאן שהכל בחזקת סומין עד שהקב"ה מאיר את עיניהם, דאס הייסט דער מדרש פרעגט וואר דען הגר בלינד דאס גאט האט איר גע-דארפט עפינען דיא אויגען אום צוא דער זעהן איין ברונען, נון וואר דארויף זיין אנטוואָרט דאס דער מענש איז ווירקליך אין

יעדער

יֶעדֶער זַאךְ וִויא בְּלִינְד בִּיז נָאט עֶפִינְט אִים דִיא אוֹיגֶען , און אַזוֹ
וַואר דֶער פַאל דָא אוֹיךְ , דֶער אביעזר הָאט גֶעהַאט אַיין יוּנְגֶען
מַאן וָואס וַואר ווירְדִיג (ראוי) צוּא זַיין בַּייא אִים אַיין אַיידֶעם, און
עֶר הָאט עֶס גֶעזוּכְט גָאר אִין דֶער וַוייט , דִיזֶער יוּנְגֶער מַאן וַואר
זַיין אוֹיבֶּער הִירְט וָואס בַּייא אוּנְז רוּפְט מֶען עֶס (אַקָאנָאם). דִיזֶער
הָאט גֶעהַייסֶען שלמון אַזוּן פוּן אַיין אַנְדֶער הִירְט וָואס הָאט גֶע-
וואוֹנְט אִין אַיין אַנְדֶער אָאַזִים וָואס וַואר נוּר אַיין טָאג רַייז וַוייט
פוּן דִיזֶער , עֶר הָאט גֶעהַייסֶען אֶלִיָעם , עֶר וַואר אַמָאל זַייעֶר רַייךְ
און אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַגְרוֹיסֶען בֶּערוּף (שם) בַּאלְד וִויא
דֶער אביעזר , נוּר דְרַיי שְׁלֶעכְטֶע יָארֶען נָאךְ אַנְאַנְדֶער הָאבִּין אִים
גֶעמַאכְט הֶעכְסְט אָרֶעם , דָאס וַואר קַיין רֶעגִין, דָאס וַואר אַגְרוֹיסֶער
הַייסֶערִיג , דָאס וַואר אַפֶּעסְט אוֹיף דִיא בהמות, און אִיז גֶעוָוארִין
אַזוֹ דוּרְךְ דֶעם אוּנְגְלִיקְלִיךְ וִויא אַמָאל איוב , נוּר עֶס וַואר אִים זַיין
זוּן פֶערְשׁוֹינְט דֶער שלמון , און אוֹיךְ דִיזֶער הָאט אִים גֶעמוּזְט אוֹיס
נוֹיט פֶערְלַאסֶען און הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דִינֶען פַאר אַיין אוֹיבֶּער
הִירְט בַּייא דֶעם אביעזר און הָאט אִים גֶעדִינְט טְרַייא און בְּרַאוו
וִויא יעקב אבינו זַיין שְׁוָוער לבן, און וַואר אַלְזוֹי הֶעכְסְט בֶּעלִיבְּט
דַארוּם בַּייא אִים , בַּייא דֶער טָאכְטֶער און בַּייא דָארְטִינֶע אַייְנְ-
וואוֹנֶער, לבד דֶעם וַואר עֶר אוֹיךְ הֶעכְסְט שֵׁיין, קְלוּג, אוֹיפְרִיכְטִיג
און אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין גָאטֶעס וֶועג , הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען זַיין
זַאךְ זַייעֶר גוּט און וַואר אוֹיךְ הֶעכְסְט צוּ פְרִידֶען מִיט זַיין פְּרִינְצֶע-
פַּאל (הֶערִין) און הָאט אִים גִיעֶרְט און גֶעלִיבְּט וִויא זַיין פָאטֶער
דֶער צוּ נָאךְ הָאבִּין אַלֶע גִיזֶעהֶן בְּחוּש דָאס זִינְד עֶר אִיז גֶעוָוארִין
אַקָאנָאם בַּייא דֶעם אביעזר הָאט זִיךְ גָאטֶעס זֶעגֶען פֶערְגְרֶעסֶערְט
דָארְט אִין אַלֶע ענינים אִיבֶּער וֶועלְכֶע עֶר הָאט נוּר גֶעהַאט אַיין
אוֹיפְזִיכְט , זַיין לוֹינְגֶעלְט פְלֶעגְט דִיזֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ אָפּ צוּ שִׁיקֶען
זַיינֶע אָרִימֶע עֶלְטֶערִין , און עֶר הָאט גִילֶעבְּט גֶענוֹי נוּר מִיט גֶע-
וואוֹנְלִיכֶען הוֹיזְלִיכֶען קָאסְט פוּן דֶעם אביעזר .

דֶער וַוייל אִיז זִיךְ דִיא צַייט גֶעגַאנְגֶען אִיהְר גֶעוואוֹנְלִיכֶען
גַאנְג , עֶס אִיז זִיךְ אִיבֶּער גֶעלָאפֶען אַיין יָאר נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין

און דער אביעזר האט נאך אלץ קיין חתן געפונען פאר זיין עזובה וואס זיא וואר שוין אלט אייאר נײנצען אונ האט אריין געשפארט אין דעם צוואנציגסטען , אונ דאן וואר נאך איין אלטע מויד פיל מעהר בראך אלס אין אונזערע צייטען, נון וואר דער פאטער נאך מעהר בעדיינקליכער איבער דיא זאכע, אונ וואר בעשלאסען צו מאכען צו ליב דעם איין רייזע מיט זיין טאכטער אין ארץ יהודה „ניט שוין וועל איך ניט קריגען אין דער גרויסע יודישע וועלט אזוי אמאן פאר דיך מיין ליבע טאכטער" האט ער צו איר געזאגט , אונ האט זיך אנגעהויבען מכין זיין דערצו זייער שטארק, דאס הייסט אנגעהויבען אנצוגרייטען שפייז אונ געווער צו בעוואפענען זיינע קנעכט וואס וועלין מיט אים מיט רייזען , אונ האט שוין אנגע-הויבען איבער צו געבין דיא גאנצע ווירטשאפט אויף דיא הענט פון דעם שלמון , האט אנגעגרייט גרויסע מתנות פאר א חתן אונ האט שוין אלץ איין געפאקט אונ וואר שוין בדעה מארגין פריא אפ צו רייזען , דאך אבער וואר עס נור בדעה אבער ניט אין דער ווירקליכקייט גישעהן וויא מיר וועלין דא באלד דערציילען .

## 4.

### דאס ערקלערין זיך .

אין דער נאכט פאר זייער אפ רייזען , האט דער אביעזר געמאכט אגרויסען מאלצייט פאר זיינע גוטע פריינד אונ אזוי אויך פאר די יונג פרויען פון דיזעם אומגעגענד (אקאלאצע) וואס וואַרען דיא פריינדינען פון זיין טאכטער , דען אזוי וואר דיא זיטע דאס דיא עלטערין פלעגין צו מאכען איין אבשייד שפייז (דאס הייסט איין זעגען מאלצייט) פאר די שטאט מיידכען פאר דעם אפ פארין פון זייער טאכטער אום א שידוך צוא טאן *) עס פלעגט ווערין

דערבײ

*) פערצייטען פלעגט מען מקדש זיין צוא תנאים , דאהער וואר א תנאים געמאכט דאן מיט גרויס פאראד .

דָערְבַּייא גֶעשְׁפִּילְט אוֹיף פַּייפֶען אוֹיף הַארְפֶען אוּנ פּוֹיקֶען, דֶער בַּייא גֶעטַאנְצְט, אוּנ אַזוֹי וַואר עֶס בַּייא דִיזֶעם מָאלְצַייט אוֹיךְ, דִיא עזובה אָבֶּער וַואר אִין דִיזֶען אַוֶּוענְד הֶעכְּסְט טְרוֹיעָרִיג, דָאס זִיא פְּלֶעגְט זִיךְ אַרַיין צוּ הַאפֶּען אִין אִיר צִימֶערִיל אַלֶע וַוייִלֶע אוּם זִיךְ אוֹיס צוּ וַויינֶען, אוּנ הַאט אַזוֹ אִירֶע אוֹיגֶען רוֹיט אָן גֶעוַויינְט אַלֶע גֶעסְט אַלֶע פְרַיינְדִינֶען הָאבֶּען עֶס אָבֶּער גַאנְץ וַויינִיג בֶּע-מֶערְקְט, דֶען יֶעדֶער אוּנ יֶעדֶע אִיז גֶעקוּמֶען אַהִין אוּם זִיךְ צוּא פְרַייעֶן נוּר, אוּם צוּ גֶענִיסֶען, אוּם צוּ פֶערְגְנִינֶעגֶען זִיךְ, אָבֶּער נִיט אוּם צוּ נֶעמֶען אַטֵּייל אַן אִיהְרֶע הֶערְצֶענְס שְׁמֶערְצֶע, דָאס קֶען נוּר אַיין מוּטֶער אַיין פָאטֶער עֶרְשְׁפִּירֶען, נוּר זַייא הָאבֶּין אַיין אַיינְדְרִינְגֶענְדִיק בְּלִיק אִין דִיא טִיפְסְטֶע פַאלְבֶּען פוּן זַייעֶר קִינְדְס גֶעמִיט, אוּנ דִיזֶער פַאל וַואר דָא אוֹיךְ, דֶער פָאטֶער הָאט עֶס בֶּעמֶערְקְט אוּנ אִיז גֶעוָוארִין דוּרְךְ דֶעם הֶעכְסְט בֶּעאוּנְרוּהִיגְט, אוּנ הָאט אִיהְר בַּאלְד דַארוֹיף זַייעֶר שְׁטַארְק עֶקְזַאמֶענִירְט אִין אִיהר צִימֶער אִיבֶּער דִיא אוּרְזַאכֶע פוּן אִיהר קוּמֶער, „עֶס אִיז מִיר דִיא רַייזֶע לִיבֶּער פָאטֶער" הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט קוּרְץ אוּנ בִּינְדִיג „גַאנְץ וִוידֶער וִוילֶען, וַוייל מַיין הֶערְץ אִיז שׁוֹין פֶערְשַׁיינְקְט, אוּנ אַיין צְוַוייטֶעם הָאבּ אִיךְ נִיט, אַלְזוֹ צוּ וָואס אִיז דָאס פִירֶען מִיךְ אִין יוּדֶען לַאנְד וִויא אַיין שְׁטִיק פִיה אוֹיף אַמַארְק?"

„דַיין הֶערְץ פֶערְשַׁיינְקְט?" הָאט אִיר דֶער פָאטֶער גִיפְרֶעגְט מִיט אַיין פִינְסְטֶערֶע מִינֶע „שׁוֹין פֶערְשַׁיינְקְט! אוּנ וֶוער אִיז דִיזֶער גְלִיקְלִיכֶער וָואס זָאל אַזוֹ אַיין גְרוֹיסֶעס גֶעשַׁיינְק וֶוערְט זַיין?" „בִּיז דַיינֶע אַיינְוִוילִיגוּנְג לִיבֶּער פָאטֶער" הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט „אִיז עֶר נָאךְ נִיט גְלִיקְלִיךְ, דֶען אָן דַיין רצוֹן וֶועט עֶר מִיךְ נִיט וֶועלִין הַיירַאטֶען, אוּנ אַזוֹ אִיךְ אִיהְם אוֹיךְ נִיט, דָאךְ דָאס מֶעגְסְט דוּא זִיכֶער זַיין, דָאס קַיין אַנְדֶערִין אוֹיךְ נִיט, דִיזֶער שלמוֹן אִיז מִיר גֶענוּג, אוּנ מֶער וִויא גֶענוּג בְּרוֹיךְ אִיךְ נִיט, עֶר אִיז פוּן אָרֶעמְ-לִיכֶע עֶלְטֶערִין, פוּן בֶּעסְטִין כַּארַאקְטֶער, אַ גוּטֶער וִוירְט, גָאטְס פִירְכְטִיג, אוּנ מִיר לִיבֶּען אוּנְז אַיינַאנְדֶער, נוּן וָואס בְּרוֹיךְ אִיךְ צוּ זוּכֶען אַיין בֶּעסֶערִין, אוּנ וואוּ אִיז אַיין בֶּעסֶערֶער?"

„וואו איז אַיין בֶּעסֶערֶער ?“ הָאט זִיךְ דֶער פָּאטֶער אָפּ גֶערוּפֶען „אִיךְ קֶען בֶּעקוּמֶען אַיין מַאן פַאר דִיר , אַיין זוּן פוּן אַגְרוֹיסֶען שַׂר , פוּן אַגְרוֹיסֶען גוּט בֶּעזִיצֶער פוּן יהודה , אַזוּן פוּן דִיא יקִירֵי ירוּשלים, וָואס אִיז גֶענוּג רַייךְ , אוּנ וָואס קֶען מִיט דֶער צַייט וֶוערֶן אַ נשׂיא אִין אַ שבט , אָדֶער אַ שופט אִין אַגְרוֹיסֶע שְׁטָאט , אוּנ וָואס זָאל טוֹיגֶען דֶער צוּא נָאךְ צוּ דֶער וִוירְטְשַׁאפְט , אַלְזוֹ מַיין טָאכְטֶער הָאסְט דוּא פוּן דֶער גְרוֹיסֶע וֶועלְט נָאךְ אַזוֹי אַקְנַאפֶּען בֶּעגְרִיף וִויא אַמָאל לוֹט׳ס טֶעכְטֶער , וָואס הָאבִּין גֶעמֵיינְט דָאס מִיט דֶעם אוּנְטֶערגַאנְג פוּן סדום אִיז שׁוֹין פַאר זַייא קַיין אַנְדֶער מַאן גֶעבְּלִיבֶּען מֶער נִיט וִויא זַייעֶר פָּאטֶער , אַזוֹ מֵיינְסְט דוּא אוֹיךְ וַוייל דוּא לֶעבְּסְט נוּר אִין דִיזֶער אאזע וָואס אוּנְטֶער אִירֶע יוּנְגֶע לַייט אִיז קַיין בֶּעסֶערֶער דָא אַלְס שלמון , אִיז שׁוֹין פַאר אִים אוֹיךְ אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט קַיין בֶּעסֶערֶע דָא , אַלְזוֹ מַיין קִינְד זָאג אִיךְ דִיר דָאס דוּ לֶעבְּסְט נוּר אִין אַיין אִירְטוּם , די לִיבֶּע דֵיינֶע צוּ אִים פֶּערְבְּלֶענְדֶעט דִיר די אוֹיגֶען“ .

„נַיין טַייעֶרֶער פָּאטֶער !“ הָאט זִיא זִיךְ צוּ אִים אָפּ גֶערוּפֶען „וִויא אִיךְ זֶעה אַיין אִיז עֶס גַאנְץ אוּמְגִיקֶערְט , דָאס מַיין לִיבֶּע עֶפִּינְט מִיר דִיא אוֹיגֶען , יוֹא מַיין לִיבֶּע , נִיט אָבֶּער וִויא דוּא מֵיינְסְט מַיין לִיבֶּע צוּ אִים , נַיין אִיךְ מַיין מַיין לִיבֶּע צוּא מִיר , דָאס הַייסְט וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ הָאלְט , אוּנ זוּךְ פַאר מִיךְ אַיין גְלִיקְלִיכֶע רוּהִיגֶע צוּ קוּנְפְט (שְׁפֶּעטֶערֶע צַייט) אוּנ דִיזֶעם קֶען אִיךְ אַנְדֶערְס נִיט בֶּעקוּמֶען וִויא נוּר דוּרְךְ מַיינֶע לִיבֶּע צוּ אִים , וַוייל אִיךְ הָאבּ צוּא אִים פִיל מֶעהְר צוּ טְרוֹיעֶן דָאס עֶר זָאל מִיר עֶס פֶּערְשַׁאפֶען , אַלֶעם צוּ אַיין אַנְדֶערִין וָואס פֶּערְלַאנְגְט פוּן דֶער וֶועלְט פִיל מֶעהְר אוּנ וָואס נָאר אַנְדֶערְס אַלְס אִיךְ , אִיךְ וַוייס דָאס עֶר וֶועט לֶעבִּין נוּר פִיר מִיךְ אַלֵיין וִויא דוּא הָאסְט גֶעלֶעבְּט נוּר פִיר מַיין מוּטֶער , עֶר וֶועט פֶּערְגֶעוִויס בְּלַייבֶּען בַּייא דֶער וִוירְטְשַׁאפְט אוּנ וֶועלִין אַלְזוֹי לֶעבִּין וִוי אוּנְזֶערֶע פַּאטְרִיאַרְכֶען (אבות) הָאבִּין גִילֶעבְּט , רוּהִיג שְׁטִיל אוּנְטֶער אֵיינֶעם קְרַייז פוּן גוּטֶע אוּנ פְרוּמֶע לַייט , אוּנ וֶועלִין פֶּערְזִיסֶען אוּנְזֶערֶע טַאגֶע מִיט

מעשים טובים, מיט צדקה, מיט חסד, מיט גמילות חסדים, מיט הכנסת אורחים, מיט דער גוטען הדרכה פון אונזערע קינדער מיט וועלכע גאט וועט אונז בעשיינקען, שלמון וועט מיר בלייבען צו געטאן צייט ער וועט לעבין וויא איך צוא אים, עס וועט אונז נור דער טויט אויס אנאנדער שיידען, אונ דאן בלייבט דיין פערמעגין געווים ביא דיינע אייניקלאך, דען אין ערזסטען פאל בלייבט דיא גאנצע רייכטום נור מיין אייגען, ניט אזו אבער וועט זיין דער פאל, כאם איך וועל מיך מיט איין אנ-דערין וויא דוא מיינסט פערהייראטען, וואס קוקט אריין אין דר וועלט מיט נאר אנדערע אויגען, וואס אונזער אאזים וועט איהם זיין צו איינג, איין פרוי צו ווייניג, איין לענדליכעס לעבין צו איין פאך, ער וועט גלענצין וועלין, אונ וועט זיין הויפט אין הייסע שלאכטען טראגען אונ וועט מיך מיט מיינע קינדער פאר איין פרי-צייטיגע אלמנה אונ יתומים מאכין, עס גרויעט מיך פאר דיזען געדאנקען, אונ ווער ווייס נאך וויא עס וועט שטיין מיט זיינער ערליכקייט, דען איך האב געהערט זייער פיל דערציילענדיק דאס דיא שטעטישע יונגע לייט וואס זייען פון גרויסען שטאנד זייען גרויסע פערבריינגער, זייען ערגעבין דעם שפיל, דעם טרונק, דר ליבע אונ פארשווענדין אלזו גרויסע מאיאנטקעס, ירושות, קאפי-טאלין, ניין פאטער איך וועל מיך ניט איין טרויען אין אזעלכע אום זיכערע הענט מיט מיין לעבין אונ פערמעגין ווערענד (בשעת) איך האב פאר זיך אזו אפערזאן וואס איך בין אין אים זיכער דאס ער האט אין זיך ניט איין פעלער, אונ כאם דוא וועסט מיר דאך שטערין אין דיזער פארטי (שידוך) זאג איך פאר אויס דאס איך בלייב זיצען איין אייביגע בתולה גלייך וויא דיא טאכטער יפתח'ס אונ נעם שוין איין אייביגען אפשייד פון דער ווייסע וועלט וואס זיא האט נאך בלאו הכי גאנץ ווייניג מיט וואס אזו גאר איינעם צו בעגליקען, אדער ווייניגסטענס געניגע צו טאן, אזו קנאפ גוטעס האט זיא אין זיך".

דיזע רייד איהרע איז אריין דעם פאטער אין צענטין ריפ,

ערשטינס

עֶרְשְׁטְינְס וַוייל: זִיא הָאט גִירֶעט זַייעֶר רַאזָאנֶע אוּנ צְוַוייטֶענְס וַוייל
זִיא הָאט אִים גֶעשְׁטְרַאכֶעט דָאס זִיא זָאל בְּלַייבֶּען אַיין אֵייבִּיגֶע
יוּנְגפְרוֹי אוּנ דַאן וַואר עֶס שׁוֹין מָאדֶע אִין ארץ יהודה, דָאס מַאנְכֶע
מַיידְכֶען פוּן גְרוֹיסֶען שְׁטַאנְד פְלֶעגִין זִיךְ הַיילִיגֶען אוּנ בְּלַייבֶּען זִיצֶען
אֵייבִּיג, אוּנ דַאהֶער נָאךְ אַיין קוּרְצֶען אִיבֶּער לַייג הָאט דֶער פָאטֶר
אַיינְגֶעוִוילִיגְט אִין דֶעם וִוילֶען פוּן זַיין טָאכְטֶער, דָאס זִיא זָאל זִיךְ
פֶערְהֵייַראטֶען מִיט דֶעם שלמון, אוּנ הָאט אַזוֹ אוּמְגֶעבִּיטֶען דֶעם
אָבְּשֵׁייד מָאלְצַייט אִין אַיין פֶערְלָאבּוּנְג (תנאים) מָאלְצַייט, דֶען עֶר
הָאט אִיר אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען אָבֶּענְד פַארְקְנַאסְט מִיט דֶעם שלמון,
אוּנ עֶס וַואר דָארְט פְרֵיידֶען אִיבֶּער פְרֵיידֶען •

## 5.

### דִיא הַיילִיגֶע שבועה •

עֶס וַואר דָארְט פְרֵיידֶען אִיבֶּער פְרֵיידֶען ! דֶען יֶעדֶערֶער פוּן
זַייא דְרַייעֶן הָאבִּין וִוירְקְלִיךְ גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּא פְרֵייעֶן,
אביעזר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט דָאס עֶר הָאט זוֹכה גִיוֶועֶן צוּ גֶעבִּין אַ
מַאן זַיין טָאכְטֶער וֶועלְכִין זִיא לִיבְּט אוּנ וָואס אִיז וִוירְדִיג באמת
גֶעלִיבְּט צוּ וֶוערִין, אוּנ הָאט גִיהָאפְט צוּ דֶער לֶעבִּין בַּאלְד אַ דור
פוּן אִיר, זִיא הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט דָאס אִיר וואוּנְש אִיז עֶרְפִילְט גֶע-
וָוארִין אוּנ הָאט דִיזֶע נַאכְט גִישֶׁעצְט פַאר דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע פוּן
אִיר לֶעבִּין, שלמון הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט דָאס עֶר אִיז גֶעוָוארִין אַ חתן
פוּן אַיין שֵׁיינֶער מֵיידְכֶען וָואס זִיא אִיז דִיא פְרִימְסְטֶע אוּנ דִיא
רַייכְסְטֶע, דִיא טוּגֶענְד הַאפְטֶע אִין דִיא רוּנְדֶע פוּן הוּנְדֶערְט מַייל.
„דִיזֶע גְרוֹיסֶע פְרֵיידֶע" הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ דֶער עזובה, „אִיז צוּא
גְרוֹיס פַאר מַיין אֵיינְגֶען הֶערְצִין, עֶס קֶען עֶס נִיט אוֹיף נֶעמֶען
אִין גַאנְצִין, אִיךְ מוּז עֶס מִיט טֵיילֶען מַיין אָרֶעמֶען פָאטֶער, אִיךְ
וֶועל אִים דֶער מִיט זַיין לֶעבִּין פֶערְזִיסֶען, זַיינֶע יָארִין פֶערְלֵיינְגֶערִין,
אַלְזוֹ וִויל אִיךְ צוּ אִים אַרִיבֶּער פָארִין, אוּנ וֶועל אִים עֶס זֶעלְבְּסְט
מִיט מַיין אֵיינֶענֶעם מוּנְד דֶערְצֵיילֶען דָאס אִיךְ בִּין דַיינֶער אַ חתן

געווארין

גֶעוָוארִין, אוּנ וִויל עֶס טָאן גִיךְ אוּנ בַּאלְד, דַאמִיט אִיךְ זָאל דֶר עֶרְשְׁטָער זַיין פוּן דִיזֶער נַאכְרִיכְט" „אוּנ דָאס וֶועסְט דוּא נִיט פַאר זַאמֶען" הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט „אוֹיךְ אִין אַ חוֹדֶשׁ אַרוּם, וַוייל גַאנְץ זֶעלְטִין פָּארְט אֵיינֶער פוּן דִיזֶער אאזים אִין דִיא אאזים פוּן דַיין פָאטֶער, קוֹים צְוַוייא אָדֶער דְרַייא אִין אַיָאר".

„אוּנ דָאךְ אִיז שַׁאדֶע אוֹיךְ אוּם אֵיינֶעם פְרֵיילִיכֶען טָאג וָואס אִיךְ וֶועל פוּן מַיין פָאטֶער בֶּערוֹיבֶּען מִיט מַיין פֶערְשְׁפֶּעטִיגֶען" הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט „עֶס פְרֵייט מִיךְ צְוַואר" הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט „וָואס דוּא הָאסְט אַזוֹי אַיין אֵיידֶעלִין חַארַאקְטֶער, אוּנ אַזוֹי אַיין קִינְדְלִיכֶע לִיבֶּע צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערִין, דָאךְ בִּין אִיךְ גַאנְץ גֶעגֶין אוּנ דֶערְוִוידֶער גֶעגִין דֶעם וואוּנְשׁ דַיינֶעם, אִיךְ וִויל בֶּעסֶער דָאס דוּא זָאלְסְט צוּ הוֹיז בְּלַייבֶּען, אוּנ וֶועלִין בֶּעסֶער שִׁיקֶען אַיינְלַאדֶען אִים אַהֶער, אוּנ זָאל עֶס בֶּעסֶער מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען זֶעהְן אַלְס אוּנ מִיט זַיינֶע אוֹיעֶרִין נוּר הֶערִין.

דָאס גְלִיק צוּ בְּרֶעכְט זִיךְ זַייעֶר לַייכְט אוּנ מִיט אִים אוֹיךְ דֶער גְלִיקְלִיכֶער, אוּנ דַאהֶער זָאגִין אוּנְזֶערֶע חכמים, דָאס אַ מלך, אַ תלמיד חכם זָאלִין אַלֵיין נִיט גֵיין בַּייא נַאכְט, אוּנ דַאהֶער הָאט יעקב אבינו נִיט גֶעוָואלְט שִׁיקֶען זַיין זוּן בנימין קַיין עֶגִיפְּטֶען, דֶען דָאס קְלֶענְסְטֶע וֶוענ אִיז בחזקת סכנה, אוּנ וֶוער אִיז נָאךְ אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אַלְס אִיךְ אוּנ דוּא, טְרוֹיעֶ דִיךְ נִיט אָן אַיינֶעם פַייעֶרִיגֶען אַרַאבִּישֶׁען פֶערְד, טְרוֹי דִיךְ נִיט אָן דֶעם זַאמְד וִויסְטֶענַיי טְרוֹי דִיךְ נִיט אָן דִיא גְרוֹיסֶע קנאה וָואס דוּ וֶועסְט עֶרְוֶועקִין מִיט דַיין קוֹמֶען אַהִין צְוִוישֶׁען דִיא דָארְטִיגֶע אַיינְוואוֹנֶער, אוּנ טְרוֹי דִיךְ נִיט אָן נָאךְ מֶעהְר אוּמְגְלִיקֶען וָואס לוֹיעֶרִין אוֹיף יֶעדִין גְלִיקְלִיכֶען, פָאלְג מִיךְ מַיין לִיבֶּער שלמון בְּלַייבּ רוּהִיג צוּ הוֹיז.

„אַ מַיין לִיבֶּע עזובה!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט „דַיין דִיזֶע אַיין וֶוענְדוּנְג, הָאט קַיין שְׁטַאסוּנִיק מִיט דֶעם גֶעזוּנְדֶען מֶענְשִׁין פַאר שְׁטַאנְד, דוּא רֶעדְסְט עֶס נוּר אוֹיס דַיין רַיינֶע לִיבֶּע צוּ מִיר, נִיט דֶעם עֶרְסְטִין מָאל אִיז מִיר אַרִיבֶּער צוּ לוֹיפֶען דִיזֶע שְׁמָאלֶע זַאמְד וִויסְטֶענַייא, עֶס אִיז בַּייא מִיר נוּר אַהָאזֶען שְׁפְּרוּנְג, אִין דְרַיי טֶעג

בין איך צוריק, אונ דאן מיין ליבע עזובה נעם איך אפ שייד פון דער גאנצער וועלט, אונ וועל לעבין נור מיט דיר אונ פאר דיך אויף אימער אונ אייביג, זעלבסט דער טויט וועט אונז שוין ניט שיידען, זעלבסט דעם אייביגען שלאף וועלין מיר שלאפין בייא אנאנד אונטער איין שטיין (מצבה), דאהער מיין ליבע ווילט זיך מיר אויך זאגין דעם לעצטין „לעבע וואזל" צו מיין געבורטס ארט אונ אום ארימען צום לעצטין מאל דארט אלע מיינע יונגענד פריינד אונ צו קושען דיא בערג אונ טאלין אויף וועלכע איך פלעג מיין קליינע שטאדע ווידען, דען זייא זיינען מיר אלע ליב, אזו מיין ליבע עזובה שטער מיך ניט מיינע געפילען, אונ דערבייא איז נאך מיין פאטער דיא הויפט זאך דערפון".

דיזע רייד האט אויף איר שטארק געווירקט אונ האט דער צו איין געשטימט, אויף מארגין האט זיא אים אויס געקליידעט זייער רייך אין דיא קליידער וואס זיא האט אליין גיוועבט אונ פר פערטיגט אלס איהר ליבע צוא אים ווארנאך איין געהיימנים פאר איר פאטער, אונ האט אים אנגעטאן אטייערין רינג אויף וועלכין עס וואר איר נאמען געקריצט, אונ האט אים מיט גיגעבין א בייטעל מיט גאלד אום אויס צו טיילען דארט זיינע ארימע קרובים אונ האט אים גענורטעט מיט אגוטען שווערד אונ בויגען, אונ האט אים געלאזט זאטלען אטייערין אראבישען פערד, אונ האט אים אלזו בעגלייט ביז דיא גרויסע וואלדיגע בערג, דארט האט זיא זיך אפ גישטעלט אונ האט זיך אנגעהויבין מיט אים צו זעגינען וויא מיט אגוטען פריינד וואס מען האפט שוין ניט מעהר איהם ווידער צו זעהן, אונ האט דערבייא זייער שטארק געוויינט, „נון זייא דאך רוהיג מיינע ליבע!" האט זיך דער שלמון צו איר אפ גערופין „איך שווער דיר בייא אלעם העכסטין דאס איך וועל וויא נור מעגליך באלד צוריק קומען, אלזו ליבע עזובה שטיל דיינע טרערין דען דוא ווינסט אומזיסט׳.

„אונ דאך וויל איך דיך ניט אוועק לאזין פון מיר, הערסט ניט וויא דיא ראבען שרייען, נעוויסע צייגען אויף איין נאהענטין

שטורעם, נאך איז צייט דאס דוא זאלסט זיך אומקערן, מיר זייען אונז איינער דעם אנדערן געגנוג, מיר ברויכען קיין אנדער פערגעניגען. פאלג מיך אונ בלייב צו הויז אונ לעב ביי מיר וויא איין אראבישער פירסט, דען מיר זייען עס אין דער ווירקליכקייט דען ווער נאך איז אזוי רייך אונ פארנעם וויא מיר, נון פעראכטע ניט נאטעם גאבען (מתנות) נעמים עס אין פולען".

„א מיין ליבע!" האט ער איר גיענטפערט „פון אומקערן זיך איז שוין קיין רייד, מען וועט מיך פעראכטען אונ פערלאכען אין דעם גאנצין אאזים מען וועט מיך האלטין פאר איין ווייבער קנעכט פאר איין פערקויפטען צו איין רייכע מיידכען וואס שאלטעט אונ וואלטעט איבער מיין הערצין וויא איבער איהר שוים הונד, ניין דיזער שריט מוז גישעהן, לעב וואול צום ווידער זעהן", ביי דיא ווערטער האט ער לויז געלאזען דעם פאוועד אונ האט מיטביידע שפארען בערירט דעם פערד פון ביידע זייטען אונ האט זיך געטאן אלאז וויא איין אדלער אין דער לופטען אונ איז אוועק, אונ אלס ער האט זיך שוין פערלארין פון איהרע אויגען האט זיא זיך אום גיקערט אהיים זייער פערקימערט אונ איהרע אויגען האבין איהר ניט געשטילט אגאנצע נאכט, אומזאנסט זייען געקומען צו איהר פריינד צו צערשטרייען איר מיט זייערע געזאנג, מיט זייערע שיינע ערציילונגען, דער נאמען שלמון וואר פון איר ווידער הוילט (איבער געחאזערט) הונדערט מאל מיט גאנץ טיפע זיפצען אונ עכצין, אונ איז קוים ערסט קעגין טאג איינגעשלאפין, אונ אלס זיא האט זיך אויף געחאפט וואר זיין נאמען ווידער ביי איר אין מיל, אונ יעדע שטונד וואר פאר איר איין אונענדליכע אייביגקייט.

## 6.

### טרויער איבער טרויער.

דער אלטער שפריכווארט זאגט „דער לעבעדיגער מענש קומט אלעס איבער" אונ דיזער פאל וואר דא אויך, זיא איז מיט

דָער גְרָעסְטֶער לַאנְג וַויילֶע אִיבֶּער גֶעקוּמֶען דִיא דְרַייא טֶעג , דָאךְ אָבֶּער הָאט זִיא זִיךְ נִיט אוֹיף וָואס בֶּעסֶערְס עֶרְוַוארְט , דֶען עֶר אִיז אִין דֶעם פֶערְטִין טָאג אוֹיךְ נִיט גֶעקוּמֶען , אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ נִיט אִין דֶעם פִינְפְטֶען אוּנ נִיט אַם זֶעקְסְטִין , אוּמְזָאנְסְט הָאט זִיא אוֹיס גֶעקוּקְט אִיהְרֶע אוֹיגֶען דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶערִיל פוּן אִיר אוֹיבֶּער צִימֶער וָואס וַואר גִיוֶוענְדֶעט גְרַאדֶע קֶעגִין דֶעם וֶועג וָואס עֶר דַארְף קוּמֶען אוּמְזָאנְסְט הָאט זִיא גֶעשִׁיקְט אִים אַיין רַייטֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין דֶען עֶס וַואר אִים נִיט צוּ זֶעהְן אוּנ נִיט צוּ הֶערִין פוּן אִים , אוּנ זֶעלְבְּסְט דִי רַייטֶער וָואס זִיא הָאט אַרִיבֶּער גֶעשִׁיקְט צוּ זַיין פָּאטֶר זַייעֶן אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּרִיק מִיט נִיט בֶּעפְרִידִיגֶענְדֶע אַנְטְוָוארְטֶען , „דֶער פָּאטֶער וַויים גָאר נִיט וָואס צוּ זָאגִין פוּן אִים" וַואר זַייעֶר תשובה דֶען עֶר אִיז גָאר נִיט גֶעקוּמֶען צוּא אִים , אוּנ דַאן הָאבִּין זִיךְ גִיעֶפִינְט אִיהְרֶע בֵּיידֶע אוֹיגֶען וִויא צְוַוייא קְוַואלֶען וַואסֶער , הָאט אֶנְגֶעטָאן טְרוֹיעֶר , הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאסִין אִין אִיר צִימֶער אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעוִויזֶען מֶער אוֹיף דֶער וַוייסֶע וֶועלְט , הָאט פַארְנַאנְדֶער גֶעפְלָאכְטִין אִיהְרֶע הָאר , אֶנְגֶעצוֹיגֶען אַזַאק אוֹיף זִיךְ אַיינְגֶערִיסֶען אִיר קְלֵייד אוּנ הָאט אִים מִיט אִיהְרֶע מֵיידְכֶען בֶּע- וַויינְט פִיל טֶעג אוּנ פִיל יָארִין, פְלֶעגְט אִימֶער צוּ שִׁילְטֶען דֶעם טָאג אִין וֶועלְכִין זִיא אִיז גֶעבָּארִין גֶעוָוארִין , אִין וֶועלְכִין זִיא הָאט זִיךְ אִין אִים פֶערְלִיבְּט , אִין וֶועלְכִין עֶר אִיז אַוֶועק פוּן אִיר , אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ אִיר נָאמֶען עזובה , „דֶען נִיט אוּמְזָאנְסְט הָאט מֶען מִיךְ אַנָאמֶען גִיגֶעבִּין עזובה" פְלֶעגְט זִיא דַאן צוּ זָאגִין , „אַיין רוח נבואה הָאט דִיזֶען נָאמֶען אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִיא מוּנְד פוּן מַיין פָּאטֶער אוּם אָן צוּא דַייטֶען דָאס אִיךְ וֶועל זַיין אַיין פַּאר לָאזֶענֶע , בלשון עזוב , עֶלִינְד אוּנ פֶערְקִימֶערְט" .

אוּמְזָאנְסְט הָאט אִיהְר דֶער פָאטֶער גֶעטְרַייסְט , אוּמְזָאנְסְט הָאבִּין אִיהְרֶע פְרַיינְד אִיהְר גֶעטְרַייסְט , עֶס אִיז שׁוֹין מֶער קַיין לַאבִּין גִיוֶועזֶען צוּ זֶעהְן אוֹיף אִיר גֶעזִיכְט , זִיא וַואר פֶערְזוּנְקֶען אִין אַיין טִיפֶען טְרוֹיעֶר , אוּנ הָאט אַזוֹי פֶערְבְּרַאכְט אִיר גַאנְצֶען לֶעבִּין אִין וַויינֶען , אִין פַאסְטִין אוּנ אִין מעשים טובים , אוּנ אִיז גֶעוָוארִין

אזוי

אַזוֹ פַארְגֶעסִין פוּן דֶער וָועלְט וְויא אַיין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבִּינֶע. דֶער וַוייל אִיז זִיךְ דִיא צַייט גֶענַאנְגֶען אִיהְר גֶעוואוֹנְלִיכֶען גַאנְג, עֶס אִיז זִיךְ אִיבֶּער גֶעלָאפִּין אֵיין יָאר נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין, שלמה הָאט שׁוֹין אוֹיס גֶעבּוֹיט דֶעם בית המקדש, אוּנ דִיא שְׁטָעמֶע (שבטים) אַלֶע פוּן אַלֶע עֶרְטֶער אוּנ לֶענְדֶער הָאבִּין גֶעצוֹיגִין מִיט גֶעזַאנְג אוּנ קְלַאנְג צוּא דֶעם חנוכת הבית אוּנ שלמוֹן אִיז נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען, שלמה אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין, זַיין זוּן רחבעם אִיז גֶעוָוארִין קִינִיג, דִיא ישראל הָאבִּין זִיךְ צוּ טֵיילְט שׁוֹין אִין צְוֵוייא מלוכות אוּנ פוּן שלמוֹן וַואר נָאךְ נִיט צוּ הֶערִין, עזובה וַואר שׁוֹין מֶער אַלְס זִיבֶּעצִיג יָאר אוּנ אִיר טְרוֹיעֶר הָאט זִיךְ נָאךְ נִיט גִיעֶלְטֶערְט, עֶר וַואר בַּייא אִיר נַיי אוּנ פְרִישׁ וְויא אִין דֶעם עֶרְסְטִין טָאג פוּן זַיין פֶערְפַאלִין וֶוערִין. אָ אַיין גֶעטְלִיכֶער פוּנְק אִיז דִיא לִיבֶּע דָאס דֶער שְׁטְרָאם פוּן דֶער צַייט קֶען אִים נִיט אוֹיס לֶעשִׁין.

## 7.

### דִיא עֶרְפִילוּנְג פוּן זַיין שבועה.

אִין דֶעם אֵיין אוּנ דְרַייסִיגְסְטֶען יָאר פוּן שלמוֹן'ס אַוֶועק פוּן דֶער עזובה אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג פוּן זַיין שֵׁיידִין זִיךְ פוּן אִיר, אִיז גֶעוָוארִין אַגְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם דָארְט אִין דֶער אאזע וָואס הָאט בּוֹימֶער גֶערִיסֶען, שְׁטֵיינֶער פוּן דִיא בֶּערְג אַרָאפּ גֶעקַייקֶעלְט אוּנ הָאט מִיט אַיין שְׁטוֹיבּ וָואלְקִין בֶּעדֶעקְט דֶעם הִימֶעל וְויא מִיט אַיין טְרוֹיעֶר שְׁלַייעֶר, אַלֶע וַוארִין צוּ שְׁרָאקִין, הֶעכְּסְט בֶּעאוּנְרוּהִיגְט דוּרְךְ דֶעם, דִיא עזובה אָבֶּער וַואר גְרַאדֶע הֶעכְּסְט צוּ פְרִידֶען מִיט דִיזֶען אוּנְגֶעוִויטֶער (שְׁטוּרֶעם) דֶען זִיא הָאט אִין דֶעם טָאג גֶעפַאסְט אוּנ בֶּעקְלָאגְט גָאר פוּן דָאס נַייא דֶעם שלמוֹן דֶען עֶס וַואר דֶער טָאג פוּן אִיר יָאר צַייט נָאךְ אִים, דָאס הֵייסְט דֶער טָאג פוּן זַיין שֵׁיידֶען זִיךְ מִיט אִיר אוּנ וָואס אִיז נָאךְ זִיסֶער אוּנ אַנְגִינֶעמֶער פִיר אַמְרוֹיעֶריגֶע הַארְץ אַלְס אַיין מִיט טְרוֹיעֶרֶער, נוּן הָאט זִיךְ אִיהְר גֶעדוּכְט דָאס דִיא נַאטוּר זֶעלְבְּסְט טְרוֹיעֶרְט מִיט אִיר צוּ זַאמֶען אִין

דעם

דֶעם טָאג , דִיזֶער שְׁטוּרֶעם הָאט גֶעדױעֶרְט אַנַאנְצִין מעת לעת , אוּנ אױף מָארְגִין , אַלְס דֶער שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ גֶעלַײגְט (שְׁטִיל גֶעוָוארִין) הָאט מֶען דֶעװִיסְט בַּײא דֶעם גְרֶענֶעץ פוּן דֶער אאזיס אַטוּיטֶען מֶענְשִׁין , וָואס הָאט אוּים גִיזֶעהֶן מֶעהְר שְׁלָאפֶענְד אַלְס גֶעשְׁטָארְבִּין , עֶס וַואר נָאךְ דִיא פַארְבּ אִין דִי בַּאקִין , אוּנ אַלְס נָאךְ אִין גַאנְצֶען אױף אִים , אױף גֶעפּוּצְט עֶפֶּעס וִויא צוּ אַגְרױסֶע הָאכְצַײט .

דִיזֶען וואוּנְדֶער צוּ זֶעהֶן זַײעֶן גֶעלָאפִין קִינְד אוּנ־קַײט , עֶס אִיז אֵײנֶער נִיט גֶעבְּלִיבֶּען וָואס אִיז נִיט אַהִין גֶעקוּמֶען , זֶעלְבְּסְט אוּנְזֶער עזובה הָאט פֶערְלָאזֶען אִיר צִימֶער , דֶען אַגֶעטְלִיכֶער גֶעפִיל הָאט אִיר נִיט גֶעלָאזְט פֶערְבְּלַײבֶּען צוּ הױז , אוּנ אִיז אַהִין אַוֶועק אַיין גֶעבױגֶען אִין דְרַײעֶן , „וִויא אִיךְ לֶעבּ !" הָאט זִיא אַגֶעשְׁרַײא גֶעטָאן „דָאס אִיז שלמוֹן , עֶר אִיז אַהֵײלִיגֶער מַאן , עֶר הָאט וָוארְט גֶעהַאלְטִין , עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין דְרִיטֶען טָאג פוּן זַײן אָפּ רַײזֶען פוּן מִיר , דַאהֶער הָאט אִים דִיא צַײט גֶעשױנְט *) זִיא הָאט זִיךְ אױף אִים אַנִידֶער גֶעלַײגְט אוּנ הָאט אוּים גֶעהױבְט אִיר לֶעבִין , אוּנ אַיין שְׁטֵײן (מצבה) דֶעקְט זַײעֶר גְרַאבּ צוּ .

---

*) דִי מֶענְשִׁין וָואס וֶוערִין פֶערְשָׁאטִין פוּן דֶעם הֵײסֶען זַאמְד וִויא דֶער שלמוֹן , בְּלַײבֶּען לִיגֶען אִין גַאנְצֶען אוּנְטֶערִין זַאמְד , זַײ קֶענֶען זִיךְ דָארְט לִיגֶען הוּנְדֶערְט יָאר , אוּנ אַזױ גֶעפִינְט מֶען נָאךְ עד היום גַאנְצֶע קַארַאוַואנֶען וָואס זַײעֶן פֶערְשָׁאטִין גֶעוָוארִין פַאר כמה צֶעהְנְדְלִיג יָאר נָאר אִין גַאנְצֶען , קֶעמְלֶען מִיט מֶענְשִׁין , דִיא אוּרְזַאכֶע אִיז דֶער פוּן דָאס דֶער־זַאמְד אִיז זַײעֶר טְרוּקֶען אוּנ הֵײס , אוּנ דָאס לָאזְט נִיט־קֵײן פױלוּנְג צוּ .

# ע נ ד ע